**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון מולטי-יעריגע שטודיע צו עקספלארירן וויאזוי קלימאט ענדערונג אפעקטירט ניו יארק סטעיט קאמיוניטיס, עקאסיסטעמס און דער עקאנאמיע

***צוזאמענגעארבעטע קלימאט פארשונג באמיאונג אויסגעפירט צו ווערן אינאיינעם מיט אקאדעמישע אינסטאנצן, ווינשאפטליכע ארגאניזאציעס, קאמיוניטי פירער, און אינדוסטריע פארטרעטער***

***שטיצט דאס איינפירן פון די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער אנהויב פון א מולטי-יעריגע שטודיע, *ניו יארק סטעיט קלימאט תוצאות אפשאצונג: פארשטיין און זיך גרייטן פאר אונזער ענדערנדע קלימאט*, צו עקספלארירן וויאזוי קלימאט ענדערונג אפעקטירט קאמיוניטיס, עקא-סיסטעמס, און דער עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט. די דאזיגע צוזאמענגעארבעטע קלימאט פארשונג ארבעט, געפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA) און אויסגעפירט אין צוזאמענארבעט מיט אקאדעמישע אינסטיטוציעס, ווינשאפטליכע ארגאניזאציעס, קאמיוניטי פירער און אינדוסטריע פארשטייער, צווישן אנדערע, וועט זיין אויף צו בעסער פארשטיין און דאקומענטירן די איצטיגע תוצאות פון קלימאט ענדערונג לענגאויס דעם סטעיט, וואספארא צוקונפטיגע אפעקטן וועלן זיין, און וויאזוי דער סטעיט קען זיך בעסער צוגרייטן דערצו. דאס נעמען שריטן זיך צוצופאסן צו צוקונפטיגע קלימאט ענדערונגען שטיצט די איינפירונג פון די סטעיט׳ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט.

"קלימאט ענדערונג איז שוין דא, עס איז אמת׳דיג, און קיין איין סטעיט האט נישט געפילט די תוצאות דערפון מער ווי ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו עס זאל זיין הארריקעינס ווי ׳סענדי׳ און ׳איידע׳, צו זיבן פיס שניי אין באפעלאו, איבעראל האבן מיר געזעהן ווי אונזער וועטער ווערט מער און מער עקסטרעם יעדעס יאר. אזוי ווי מיר בויען זיך צוריק אויף די שפירן פון דער פאנדעמיע, מוזן מיר גרונטליך אריינקוקן אויף וויאזוי קלימאט ענדערונג וועט באטרעפן אונזער צוקונפט, און די שטודיע וועט סערווירן אלס א הויפט וועגווייזער אויף צו אינפארמירן וויאזוי מיר קענען בויען א בליענדע ניו יארק טראץ די אלע שוועריגקייטן."

**דאריען מ. האריס, פרעזידענט און CEO, פון NYSERDA, האט געזאגט,** "עס איז אמת אז ניו יארק סטעיט, אזוי ווי פילע אנדערע טיילן פון דעם לאנד, זעהט ווארעמערע דורכשניטליכע טעמפעראטורן, מער ברייטע פארפלייצונגען ווי סיי ווען אין דער פארגאנגענהייט, און בארטן אפשווענקונג צוליב די שטייגנדע ים הייעך, מאכן מיר קלאר אז דער קלימאט ענדערט זיך שנעלער ווי מיר האבן אמאל געקלערט עס זאל בכלל מעגליך זיין. צו פארזיכערן אז מיר זענען פאסיג צוגעגרייט אויף דאס וואס עס קומט, קוקט ארויס NYSERDA צו ארבעטן אינאיינעם מיט אונזערע צוזאמענארבעטער אויף דער אמביציעזער שותפות׳דיגער באמיאונג צו העלפן אינפארמירן קלימאט אויסוועל אויף יעדן שטאפל פון באשלוסן אין דעם סטעיט."

געפירט דורך NYSERDA, וועט דער אפשאצונג גיבן א באגלייבטע, וויסנשאפט-באזירטע אנאליז אויף וואס צו ערווארטן פון קלימאט ענדערונג אין ניו יארק אונטער פארשידענע אומשטענדן און וועלן זוכן איבערצוגעבן די אינפארמאציע וואס איז רעלעוואנט און גרינג צו פארשטיין און אויף וועלכע מען קען נעמען פראקטישע שריטן. באלד 80 יחידים פארטרעטנדיג איבער 60 אנדערע ארגאניזאציעס לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדע וועלן זיין באשעפטיגט אין אנטוויקלען די אפשאצונג וועלכס וועט העלפן איינוואוינער, ביזנעסער, און באשלוסער לענגאויס דעם סטעיט צו קענען בעסער פלאנירן און זיך צוגרייטן פאר די תוצאות פון קלימאט ענדערונג אויף אונזערע סיסטעמס און אינפראסטרוקטור. דער אפשאצונג וועט ארייננעמען די לעצטע דאַטע, מוסטערן, און וויסנשאפטליכע פארשטאנד איבער קלימאט ענדערונג.

איבערהויפט וועט עס ארייננעמען:

- אפ-טו-דעיט פאראויס-שאצונגען אויף צוקונפטיגע קלימאט אומשטענדן אין ניו יארק סטעיט;
- גרונטליכע עקאנאמישע תוצאות אפשאצונגען;
- א פיער-איבערגעקוקטע טעכנישע באריכט אויף תוצאות און צופאסונג סטראטעגיעס; און
- קורצע איבערזיכטן און אנדערע מאטעריאלן געאייגנט פאר באניץ דורך ספעציפישע אודיענצן.

די הילפס-מיטלען וועלן ווערן פארעפענטליכט אויף די NYSERDA וועבזייטל איינמאל די אפשאצונג וועט געענדיגט ווערן, וועלכע עס איז ערווארטעט אין אנהויב 2023.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "די וויסנשאפט-באזירטע שטודיע איז א שכל'דיגע צוגאנג צו אונטערזוכן די מערסטע אינפארמאציע וואס ניו יארקער דארפן האבן אויף זיך צוצוגרייטן פאר די נייע ווירקליכקייטן פאראורזאכט דורך אונזערע ענדערנדע קלימאט. דורך אויסניצן די פאראייניגטע מבינות פון עטליכע פון די מערסט באהאוונטע מומחים לענגאויס דעם לאנד צו אידענטיפיצירן און אפשאצן גורמים און תוצאות פון קלימאט ענדערונג, וועט ניו יארק סטעיט קענען בעסער אינפארמירן פובליק פאליסי און הייבן באפעסטיגונג פראגראמען. איך לויב אונזערע צוזאמענארבעטער ביי NYSERDA פאר זייער אנטשלאסנקייט צו באקעמפן דעם קלימאט קריזיס אויף אלע פראנטן דורך פאראויס-ציען לייזונגען צו אדרעסירן די שטרויכלונגען וואס מיר שטייען אויס און אין דער זעלבער צייט באשיצן און אינפארמירן אונזערע קאמיוניטיס."

צו פארזיכערן אז די ענדגילטיגער אפשאצונג שפיגלט אפ א ברייטע ריי ארייננזאג און באשעפטיגונג, NYSERDA האט פארזאמלט א טיעם פון נאציאנאלע קלימאט וויסנשאפט מומחים און פארטרעטער פון פארשידנמיניגע קאמיוניטיס און ווילער פון לענגאויס ניו יארק סטעיט, אנדערע יו-עס סטעיטס — קאליפארניע, מערילענד, מעסעטשוסעטס, ניו דזשערזי, אינדיענע, און טעקסאס — און קאנאדע ווי אויך מיטגלידער פון די אמעריקאנע-אינדיאנער-אפשטאמיגע צו ארבעטן אינאיינעם אויף צו אנטוויקלען אפשאצונג. אכט טעכנישע ארבעט גרופעס וועלן פירן פיל פון די אפשאצונג, אריינגערעכנט זוכן און קריטיש איבערקוקן די בעסטע וויסנשאפטליכע ליטעראטור, איינגלידערן די נייע פאראויסזעהען, און אנטוויקלען די טעכנישע באריכט. יעדע [ארבעטס-גרופע](#) ווערט געפירט דורך צוויי מיט-פארזיצער און איז באאויפטראגט געווארן מיט אונטערזוכן קלימאט ענדערונג תוצאות אין איינע פון די פאלגענדע סעקטארס: אגריקולטור, געביידעס, עקא-סיסטעמס, ענערגיע, מענטשליכע געזונט און זיכערהייט, געזעלשאפט און עקאנאמיע, טראנספארטאציע, און וואסער רעסאָרסן.

אין צוגאב צו די סעקטארן, וועט דער אפשאצונג אדרעסירן עטליכע דורכשניידנדיגע פערספעקטיוון ווי צ.ב.ש. גלייכקייט און אונטערסערווירטע קאמיוניטיס, מוניציפאלע רעגירונג זארגן, ים-בארטן זאונס, און די גרעיט לעיקס. עדווייזאָרי גרופעס וועלכע באשטייען פון פארטרעטער פון קאמיוניטיס און אינדוסטריעס וועלכע זענען ספעציעל אקטיוו אין אדער באטראפן דורך סעקטאר אקטיוויטעטן וועלן

שטיצן די ארבעט פון יעדע טעכנישע ארבעט גרופע צו פארזיכערן אז דער ענדגילטיגער אפשאצונג כאפט אפ די תוצאות וועלכע מאכן אויס דאס מערסטע, אז דער פראצעס איז געטריבן דורך די געברויכן פון מענטשן וועלכע וועלן ניצן די פארשונג, און די רעזולטאטן זענען צוגענגליך און לאזן נעמען פראקטישע שריטן. NYSERDA האט אויסגעוויילט ׳קאנסענסוס בילדינג אינסטיטוט׳ (CBI), ׳איסטערן ריסערטש גרופ׳ (ERG), קאלומביע אוניווערסיטעט, און ׳אינדוסטריעל עקאנאמיקס׳ (IEc) צוצושטעלן טעכנישע מוסטערן, אדמיניסטראטיווע קאארדינירונג און פארגרינגערן שטיצן פאר די אפשאצונג.

אין ניו יארק האט שוין קלימאט ענדערונג א טיפע איינפלוס אויף די געזעלשאפט, דער עקאנאמיע, און נאטורליכע עקא-סיסטעמס. דער אגריקולטורעלע וואוקס סעזאן איז וואקלדיג, בארטן און אינער-לאנדיגע פלייצונג טרעפט זיך שוין מער און מער, באפעלקערונגען פון פלאנצונגען און באשעפענישן ענדערן זיך, קאטאסטראפישע וועטער פאסירונגען זענען מער עלול, און זייערע קאסטן צו מענטשליכע לעבנס און אינפראסטרוקטור הייבט זיך. אינאיינעם מיט די סטעיט׳ס לאנד-ווענדיגע ארבעט צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז צו פארלאנגזאמען די שנעלקייט פון קלימאט ענדערונג, וועט דער היינטיגער מעלדונג פארבעסערן ניו יארק׳ס מעגליכקייט זיך צוצופאסן צו די כסדר-ענדערנדע ענווייראנמענטאלע און געזעלשאפטליכע אומשטענדן און וועט העלפן אינפארמירן איר פארברייטערונג און אפרוף סטראטעגיעס פאר צוקונפטיגע תוצאות וועלכע ווערן אידענטיפיצירט אין די ענדגילטיגע אפשאצונג.

**סענאטאר קעווין פארקער, NYS סענאט ענערגיע פארזיצער, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר NYSERDA און גאווערנער האקול פאר׳ן נעמען א פראאקטיווע צוגאנג און אנהויבן די מולטי-יעריגע שטודיע. עס וועט פארזיכערן אז אונזער סטעיט וועט קענען זיך צו גרייטן פאר צוקונפטיגע תוצאות פון קלימאט ענדערונג און בלייבט פאראויס פון די געשעענישן. איך בין שטאלץ פון די פארשידענע אגענטורן וועלכע זענען צוזאמגעקומען צו מאכן דער אפשאצונג א ווירקליכקייט פאר אונזער סטעיט."

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל קוסיק, NYS אסעמבלי ענערגיע קאמיטע פארזיצער, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו שטעלן קלימאט צילן און ארבעטן צו בויען א מער ריינע ענערגיע גריד, איז וויכטיג אז מיר זאלן פולקאם אונטערזוכן און פארשטיין די שוועריגקייטן און די פראבלעמען וואס מיר שטייען אויס. עס פריידט מיר אז מיר ארבעטן צו דערגרייכן אן אויספירליכע פארשטאנד אויף וויאזוי ענדערנדע קלימאט תוצאות אפעקטירן אונזער עקאנאמיע און אונזערע קאמיוניטיס. די שטודיע וועט אינפארמירן ענערגיע און קלימאט פאָליסי באשלוס גייענדיג פאראויס און וועט אונז געבן א וועגווייזער פאר׳ן צוקונפט."

**׳איסטערן ריסערטש גרופ אינק.׳ גרונדער און CEO דעיוויד מעיערס האט געזאגט,** "ERG איז פארעהרט צו שטיצן NYSERDA דורך שפילן א צענטראלע ראלע אין קאארדינירן די ניו יארק סטעיט קלימאט תוצאות אפשאצונג. געבן אן אקוראטע, צוטריטליכע, רעלעוואנטע, און אפ-טו-דעיט פארשטאנד איבער קלימאט ענדערונג-פארבינדענע תוצאות לענגאויס ניו יארק סטעיט וועט ביישטייערן צו די העכסט-נויטיגע מיסיע פון באשיצן די געזונט, פעסטקייט, און בליאונג פון ניו יארק׳ס פילע פארשידנמיניגע קאמיוניטיס, עקא-סיסטעמס, און אינדוסטריעס. מיר קוקן ארויס נישט נאר צו סערווירן די מענטשן פון ניו יארק סטעיט, נאר אויך ארויסצוהייבן די רעוואלוציאנערע ארבעט אלס אן אויסגעצייכנטע מוסטער פון וויאזוי צו אנטוויקלען א תוצאות אפשאצונג פאר אן ענדערנדע וועלט."

**פעט פיעלד און קאטערין מאריס, סיניאר מידיעיטארס און פראיעקט פירער ביי ׳קאנסענסוס בילדינג אינסטיטוט׳, האבן געזאגט,** "די ׳קאנסענסוס בילדינג אינסטיטוט׳ איז אנטשלאסן צו העלפן NYSERDA און די טעכנישע ארבעט גרופעס צו הערן פון א פארשידנמיניגע ריי פון אפעקטירטע פארנט-ליניע באשעפטיגטע פארטייען און באשלוס-נעמער לענגאויס דעם סטעיט וועלכע קענען מיטטיילן זייער וויסנשאפט, און דורכגעלעבטע ערפארונג און שוואכקייטן קעגן קלימאט תוצאות. די ראטגעבער וועלן זיין דער שליסל צו פארזיכערן אז דער קלימאט אפשאצונג פאקסירט אויף די

וויכטיגסטע תוצאות, טייטשט אפ דאס וואס מיר ווייסן און וואס מיר קענען ערווארטן אלס צוטריטליכע אינפארמאציע וואס העלפט נעמען פראקטישע שריטן, און העלפט ניו יארק סטעיט זיך צו גרייט מאכן אויף זיך צוצופאסן אין א גלייכבארעכטיגטע אופן צו אן ענדערנדע קלימאט."

**קאלומביע אוניווערסיטעט לעמאנט פארשונג פראפעסאר רעדלי הארטאן האט געזאגט,** "לעצטנסדיגע עקסטרעמע-וועטער געברענגט דורך קלימאט, אינאיינעם מיט די צוגענגליכקייט פון נייע מוסטערן, צייגט NYSERDA׳ס פאראויסזעהן אין באאויפטראגן און איינפירן די קלימאט תוצאות אפשאצונג צו דער איצטיגער מאמענט. NYSERDA דעריבער האלט אן איר צענטראלע ראלע אין אוועקשטעלן ניו יארק סטעיט אלס אן אלוועלטליכע פירער אין קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג. מיר זענען באגייסטערט צוצושטעלן די קערל פון קלימאט וויסנשאפט אינפארמאציע וועלכס האלט אונטער דעם אמביציעזער און נייטיגער איניציאטיוו דורך NYSERDA."

**׳אינדאסטריעל עקאנאמיקס׳ (IEc) הויפט שותף, פראיעקט אנפירער, און IPCC פירער דזשים ניומען האט געזאגט,** "NYSERDA׳ס באשטימען א צייט פאר דאס אנהויבן פון דער קלימאט תוצאות אפשאצונג איז אידעאל — די זעלבע ווי נייע מעטאדן און דאַטע ווערן צו באקומען אויף אפצושאצן די עקאנאמישע תוצאות פון ענדערונגען אין קלימאט, די נויט פאר די אינפארמאציע צו אינפארמירן ניו יארק סטעיט פּאָליסי איז העכער ווי סיי ווען פריער. די פובליק וויל וויסן וויאזוי די נייע נארמאלקייט פון שווערע קלימאט און עקסטרעמע וועטער פאסירונגען וועלן אפעקטירן געזונט, פארמעגן, און פרנסות אין דעם צוקונפט. IEc איז באגייסטערט אנצוווענדן די בעסטע וויסנשאפט און עקאנאמיקס צו פאראויס-ציען אונזער פארשטאנד פון דער נייער קלימאט ווירקליכקייט."

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אקט**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 21 ביליאן דאלער אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.2 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו אומפארגינסטיגטע קאמיוניטיס, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-עפעקטיווער ציל אויף צו רעדוצירן אן-סייט ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

**וועגן NYSERDA**

NYSERDA, א פובליק בענעפיט קארפארעישען, טוט אנבאטן אביעקטיווע אינפארמאציע און אנאליז, המצאה׳דיגע פראגראמען, טעכנישע פראקטיק, און פינאנסירונג צו העלפן ניו יארקער העכערן די ענערגיע פונקציע, שפארן קאסטן, ניצן באנייעוודיגע ענערגיע, און רעדוצירן דאס זיך פארלאזן אויף פאסיל ברענוווארג. NYSERDA פראפעסיאנעלן ארבעטן אפצוהיטן דער ענווייראנמענט און שאפן ריינע ענערגיע דזשאבס. NYSERDA שטעלט איין מיטארבעטשאפטן צו אוואנסירן אינאווירנדע ענערגיע לייזונגען אין ניו יארק סטעיט זייט 1975. אויף אויסצוגעפונען מער וועגן דעם NYSERDA פראגראמען און פינאנסירונג געלעגנהייטן, באזוכט [nyserda.ny.gov](nyserda.ny.gov) אדער פאלגט אונז נאך אויף [טוויטער](), [פעיסבוק](), [יו-טוב](), אדער [אינסטעגרעם]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]()